# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

וארא

מכון באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל


פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com


*באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם*

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


מכון באר האמונה

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



© 2023 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה
ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע
אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## וארא

אני ה' - מ'דאַרף גלייבן אַז אַלעס ווערט געפירט פון דעם אויבערשטען.........................................ב
כי רוצה ה' בעמו - דער בוכ"ע גליסט אויך פאַר יעדע קליינ'טשיגע עבודה ....................... ה
דם צפרדע - וואָס איז דער לימוד פון די מכות פאַר אונז.......................................... ט
שובבי"ם - די גרעסטע טהרה און שפע קומט דורך לימוד התורה .......................................יב

סדר ועימוד:
**א.י.ש. אשדוד**
shwrtz@bezeqint.net

# וארא

### אני ה' - מ'דאַרף גלייבן אַז אַלעס ווערט געפירט פון דעם אויבערשטען

**וידבר** אלוקים אל משה, ויאמר אליו אני ה'[א] (ו, ב).

די מפרשים פרעגן, וואָס איז די כוונה פון די ווערטער אני ה'. וואָס האָט דער אויבערשטער איהם געוואָלט זאָגן דערמיט?

**אויך** דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק קודם דעם שם 'אלקים', וואָס איז דער שם פון מדת הדין, און צום סוף זאָגט ער דעם שם הוי' ב"ה, וואָס איז מרמז אויף מדת הרחמים.

**ענטפערט** דער 'ישמח ישראל' (פרשתינו, אות ו') לויט ווי דער מדרש זאָגט (שמ"ר פ"ה, כב) אַז ווען משה רבינו ע"ה האָט גע'טענה'ט צו דעם אויבערשטען, 'למה הרעותה לעם הזה', האָט מדת הדין איהם געוואָלט שלעכטס טוהן ח"ו, אבער ווען דער אויבערשטער האָט געזעהן אַז ער זאָגט עס נאָר צוליב דעם וואָס ער פילט מיט דעם צער פון די אידן, האָט די מדת הדין איהם אָפּגעלאָזט.

**זאָגט** דער 'ישמח ישראל', דער אמת'דיגער צדיק, אפילו אויב ער זעהט פינצטערניש און שטאַרקע

---

**א.** הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע האט געזאָגט, ואר"א איז ראשי תיבות א'ני ר'אשון ו'אני א'חרון (ישעיה מד, ו). אויף דעם האָט צוגעגעבן דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל 'שם שלמה' זי"ע (געברענגט אין ספר 'תפארת בנים', פון זיין זון, הרה"ק בעל 'דרכי תשובה' זי"ע), דער דערמאנטער פסוק פירט אויס, 'ומבלעדי אין אלקים'. די ראשי תיבות פון די דריי ווערטער, איז אַזוי ווי די ראשי תיבות פון די ווערטער ו'ארא א'ל א'ברהם.

דאָס קומט אונז מרמז זיין, אַז דער גאַנצער יסוד פון דער היינטיגער פרשה איז, צו וויסן און געדענקען אַז 'אני ראשון ואני אחרון, ומבלעדי אין אלוקים', ווי עס שטייט אויך (להלן ז, ה) וידעו מצרים כי אני ה', 'למען תדע כי אני ה' (ח, יח), בעבור תדע כי אין כמוני בכל הארץ (ט, יד). זאָגן די ראשונים (רמב"ן סו"פ בא, ועוד), אַז דאָס איז געווען דער תכלית פון אַלע אותות און צייכענעס וואָס דער אויבערשטער האָט געוויזן מיט די צען מכות, צו שטאַרקן די אמונה אין השגחה פרטית, אַז דער אויבערשטער פירט יעדן פרט אויף דער וועלט מיט אַ חשבון און תכלית לויט זיין רצון. יעדער אָטעם, יעדער ריר פון אַ מענטש, יעדער טריט און שריט, יעדע פּאַסירונג אויף דער וועלט - אַלעס ווערט געפירט פון הימל.

די בעלי הרמז זאָגן אויף דעם נאָמען פון ספר שמות, שמו"ת איז ראשי תיבות ת'כלית מ'עשה ש'מים ו'ארץ. די פרשיות פון ספר שמות דערציילן אונז וועגן די וואונדער פון די השגחה פרטית, די הנהגה פון דעם אויבערשטען, און אַז ער איז דער בעל היכולת, די ניסים פון יציאת מצרים, קריעת ים סוף, מעמד הר סיני, וואו דער אויבערשטער כביכול האָט 'אויפגעריסן' די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, און אַלע האָבן געזעהן אַז ער איז דער איינציגער באַשעפער אויף דער וועלט, די אַלע זאַכן זענען 'תכלית מעשה שמים וארץ', להתוודע ולהגלות כי הוא מלך על כל הארץ.

אַ וואונדערליכע מעשה, האָבן מיר געהערט פון אַ חשוב'ן יונגערמאַן פון אונזער חבורה, וועגן זיין זיידע, הרה"ג ר' מיכאל דרייפוס ז"ל פון ניו יאָרק. אין זיינע לעצטע יאָרן, ווען ער איז געווען שוין עלטער פון אַכציג יאָר, האָט ער זיך נאָך משתתף געווען טאָג טעגליך אין אַ שיעור אין 'דף היומי', וואו ער איז געווען דער 'יונגסטער' פון די חבורה...

אַ געוויסן טאָג, איז אָנגעקומען צום שיעור אַ פערציג יעריגער יונגערמאַן. ווען מ'האָט געענדיגט דעם שיעור, האָט ער אויסגערופן 'קדיש', אויף וואָס אַלע משתתפים האָבן זיך געוואונדערט: 'האחד בא לגור וישפוט שפוט'... ער איז קוים געקומען איינמאָל צום שיעור, שוין 'פאַרפירט' ער, און טוט איינטיילן וואָס מ'זאָל טוהן... מ'זאָל זאָגן קדיש, ספּעציעל אַז יעדער איינער פון די באַטייליגטע אינעם שיעור, קען זיין דער זיידע פון דעם יונגערמאַן... ווער רעדט נאָך פונעם פאַקט, אַז די צאָל אידןביים שיעור באַשטייט פון נישט מער ווי זיבן אידן.

דער יונגערמאַן האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט [חז"ל זאָגן דאָך (סוטה מט.) אַז די וועלט האָט אַ קיום אין זכות פון 'יהא שמיה רבה' וואָס מ'זאָגט אין 'קדיש דרבנן' ווען מ'ענדיגט אַ שיעור]. דער יונגערמאַן האָט געבעטן מ'זאָל צוואַרטן, און ער וועט אַריינברענגען נאָך דריי אידן, כדי משלים צו זיין צו מנין. 'אומר ועושה'. ער איז אַרויסגעגאַנגען זוכן מענטשן כדי משלים צו זיין צום מנין, און עטליכע מינוט שפּעטער איז ער אַריינגעקומען, גענומען אַ סידור אין האַנט, און עס דערלאַנגט צו ר' מיכאל דרייפוס, 'זאָגט קדיש'... און אַזוי האָט ר' מיכאל געטוהן.

דינים ח"ו, גלייבט ער באמונה שלימה[ב], אז 'כי כל דרכיו משפט', 'א-ל אמונה ואין עול'[ג].

**דער** אויבערשטער טוט קיינמאָל נישט קיין שלעכטס ח"ו. דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם באמונה

---

ווען ר' מיכאל איז אַהיים געקומען פונעם שיעור, האָט ער געהערט פון די בני המשפחה, אַז זיין שוועסטער וואָס וואוינט אין ארץ ישראל (אשת חבר הג"ר דוד זינגערעוויץ ז"ל, משגיח אין דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק), וואָס אויך זי איז שוין נישט געווען אַ יונגע פרוי, האָט איהם עטליכע מאָל געזוכט אויפ'ן טעלעפאָן, וויבאַלד היינט איז דער יאָרצייט טאָג פון זייער זיידן, און זי איז יעדעס יאָר די 'ממונה' איהם צו דערמאנענען צו זאָגן קדיש אין טאָג פון זיידנ'ס יאָרצייט. היינטיגן טאָג, אָבער, האָט זי נישט באַוויזן איהם צו טרעפן אויפ'ן טעלעפאָן...

דאַן האָבן אַלע געזעהן די וואונדער פון די השגחה עליונה, ווי דער אויבערשטער האָט אַריינגעשיקט אַ יונגערמאַן פון פערציג יאָר, זיך צו באַטייליגן אינעם שיעור - אַ יונגערמאַן וואָס איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען ביים שיעור, נישט פריער, און נישט שפּעטער... און ער האָט 'באַשלאָסן' אַז מ'דאַרף היינט זאָגן קדיש, און האָט דערלאַנגט דעם סידור פונקט פאַר ר' מיכאל דרייפוס... נאָר דער אויבערשטער איז 'מסבב כל הסיבות', 'מה' מצעדי גבר כוננו'.

און אַז מ'רעדט שוין פון השגחה פרטית, איז דאָ אין פלאַץ איבערצוגעבן וואָס עס האָט דערציילט דער בעל העבודא, הרה"ח ר' י. י. זינגער שליט"א פון באָראָ פּאַרק, אַז ער האָט פאַר זיך איינגעפירט אַ מנהג טוב, צו האָבן כסדר אין טאַש 'קליינגעלט', צו קענען געבן פאַר יעדן גבאי צדקה וואָס גייט אַרום ביים דאווענען.

איינמאָל איז ער געקומען דאַווענען אין דער באַקאַנטער שול 'שומרי שבת' אין באָראָ פּאַרק (וואו עס דאַווענען טויזנטער אידן בלע"ה טאָג טעגליך, ביז די שפּעטע שעה'ן פון דער נאַכט), און ווען דער שמש פון שול איז צוגעקומען צו איהם מיט די פושקע, האָט הרב זינגער געזעהן אַז זיין טאַש מיט'ן 'קליינגעלט' איז ליידיג... ער האָט זיך גענומען זוכן אויך אין די אַנדערע טאַשן, אָבער ער האָט געפונען נאָר אַ קליין פעקל 'שאָקאָלאַד'... ווען ער האָט עס געוויזן פאַר'ן שמש מיט אַ שמייכל, זעה וואָס איך האָב... האָט יענער איהם צוריק געענטפערט: 'נו, אַז דו האָסט נישט קיין געלט מיר צו געבן, גיב מיר, ביטע, די שאָקאָלאַד...

אַלזאָ, עטליכע טעג שפּעטער, ווען הרב זינגער איז ווידעראַמאָל געקומען דאַווענען אין דער 'שומרי שבת' שול, האָט ער געהערט אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם גבאי, אַז אַ טאָג-צוויי פריער, איז איינע פון די מתפללים אין שול צוזאמגעפאַלן אינמיטן דאַווענען און ער האָט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין, ווייל ער ליידט פון צוקער ל"ע און די מאָס 'צוקער' אין זיין קערפּער איז פלוצלינג געפאַלן אויף אַ שרעקליכן אופן. אַלזאָ אין דער גרויסער בהלה איז נישט געווען קיינער אין שול וואָס האָט געהאַט אַ זיסקייט מיט וואס איהם צו ראַטעווען דערמיט דאָס לעבן, ביז דער גבאי פון שול האָט זיך דערמאנט פון דעם שטיקל שאָקאָלאַד וואָס ער האָט געהאַט אין טאַש, האָט ער עס שנעל אַריינגעשטופּט אין מויל פון דעם איד וואָס איז צוזאַמענגעפאַלן, און דער 'צוקער' איז באַלד געשטיגן אין זיין קערפּער און ער איז געקומען צו זיך. ווען די 'הצלה' וואָלונטירן זענען אָנגעקומען האָבן זיי געזאָגט, אַז אויב מ'וואָלט געוואַרט נאָך עטליכע סעקונדעס וואָלט חלילה שוין נישט געווען וועמען צו ראַטעווען...

דאָ זעהען מיר די וואונדערליכע השגחה פּרטית, ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט און איז 'מסבב כל הסיבות' צו ראַטעווען אַ נפש אחת מישראל. דער אויבערשטער האָט צוגעפירט אַז הרב זינגער זאָל פאַרגעסן צו האַלטן 'קליינגעלט' אין טאַש, נאָר גאָר שאָקאָלאַד... און אויך דער גבאי פון שול האָט גענומען פון איהם דאָס שטיקל שאָקאָלאַד, און ער האָט עס געהאַלטן אין טאַש ביז ס'איז געקומען די צייט דערפאַר צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ איד.

אין צוגאָב צו די התחזקות אין אמונה אין השגחה פרטית וואָס מ'קען לערנען פון די דערמאנטע פאַסירונג, קען מען דאָ לערנען אויך אַ מוסר השכל, אַסאַך מאָל דאַכט זיך פאַר דעם מענטש ווען עס נעמט איהם אַרום אַ רוח טהרה און ער פאַרשטייט אַז ער דאַרף זיך מחזק זיין און שטייגן אין תורה און אין עבודת השם, אָבער דאַן קומט דער יצר הרע און פּרובירט איהם אָפּקילן מיט די טענה, וואָס וועסטו האָבן פון די דאָזיגע קבלה, און וואָס פאַר אַ ווערד האָט אַזאַ סאָרט 'התחזקות'. צי דען דאַרף דער אויבערשטער האָבן דיין 'שטיקל שאָקאָלאַד' וואָס דו קענסט געבן... די טענה איז אָבער גרונדלאָז, ווייל יעדעס 'ביסל' וואָס אַ איד קען געבן פון זיך, האָט אַ געוואַלדיגע חשיבות ביי דעם אויבערשטען, ווייל מ'קען דערמיט ראַטעווען דאָס לעבן, נישט נאָר פון אַ צווייטן, נאָר אויך דעם אייגענעם לעבן...

**ב.** די עיקר עבודה פון אַ איד איז, נישט צו פאַרלירן דעם שכל ווען עס קומען אונטער שווערינקייטן און הסתרות. און כאָטש דאָס איז אַ שווערער נסיון, איז מען דאָך פאַר דעם צוועק געקומען אויף דער וועלט.

שלימה, ווערט אָנגערופן צדיק, ווי דער פסוק זאָגט (חבקוק ב, ד) 'וצדיק באמונתו יחיה'. ווער איז דער וואָס

איז זוכה צו דעם חשוב'ן טיטל פון 'צדיק'? -דער מענטש וואָס האָט אמונה ('באמונתו יחיה').

---

אַזוי טייטשט דער 'מאור עינים' (אָנהייב הייַנטיגע פרשה) די ווערטער פון רש"י ז"ל (אָנהייב פרשה), דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו ע"ה, 'חבל על דאבדין ולא משתכחין'. ווען עס קומען אונטער שוועריגקייטן פאַר'ן מענטש, אין סיי וועלכן ענין, בבני חיי ומזוני, זאָל מען זיך נישט פאַרלירן, נאָר מ'זאָל גלייבן אַז אַלעס ווערט געפירט פון הימל, ווייל כאָטש דאָס אַליין איז דער נסיון, צו זעהן אויב ער האַלט זיך ביי זיין אמונה אויך אין אַ צייט פון הסתרה, אָבער די עבודה פון אַ איד איז נישט צו פאַרלירן אויך דעם שכל. ער זאָל נישט פאַרגעסן פון וואו ער קומט, און וואָס ס'איז זיין אויפגאַבע אויף דער וועלט. אויף דעם האָט דער אויבערשטער געזאָגט, 'חבל על דאבדין'. 'חבל על' - וואו זענען די הייליגע אבות, וואָס אויך ווען זיי זענען געווען אין אַ נסיון און האָבן פאַרלוירן זייערע מדריגות ('דאבדין'), האָבן זיי זיך געהאַלטן. 'ולא משתכחין' און זיי האָבן נישט פאַרגעסן צו נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים אין יעדער צייט.

דער דובנער מגיד זצ"ל זאָגט אַ משל, אַ מלמד איז געגאַנגען אין וואַלד מיט זיינע תלמידים. ווען זיי זענען אַריינגעקומען טיפער אין וואַלד, האָט דער מלמד געזאָגט צו די קינדער, אויב עס וועט אייך אַנטקעגן קומען אַ ווילדער הונט, זאָלט איר נישט מורא האָבן פון דעם הונט, נאָר איר זאָלט זיך אַוועקשטעלן און זאָגן הויך דעם פסוק 'ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו'. מיט דעם 'לחש', וועט דער הונט זיך אַוועקרוקן פון אייך, און וועט אייך נישט שלעכטס טוהן חלילה...

עטליכע מינוט שפּעטער, זענען אַ באַנדע הויכע פאַרכטיגע הינט געקומען צו לויפן. דער מלמד האָט זיך דערשראָקן, און איז אַנטלאָפן פון די הינט... האָבן די קינדער געפרעגט דעם מלמד: פאַרוואָס ביזטו אַנטלאָפן? דו האָסט דאָך אונז אויסגעלערנט צו זאָגן דעם פסוק, 'ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו'. פאַרוואָס האָסטו נישט אַליין געזאָגט דעם פסוק?...

האָט דער מלמד זיי געענטפערט: ווען איך האָב געהערט די הינט בילן, האָט מיר געכאַפּט אַ פחד, און כ'האָב פשוט פאַרגעסן דעם פסוק... דערפאַר האָב איך געמוזט אַנטלויפן...

דער נמשל איז, מיר זאָגן כסדר 'אני מאמין', 'אני מאמין'. די שאלה איז נאָר, צי ס'איז טאַקע איינגעקריצט אין אונזערע הערצער די אמונה, צי אין דער רגע ווען עס קומט אונטער אַ שוועריגקייט איז עס נאָך אַלץ איינגעקריצט אין אונזער האַרץ די אמונה, אָדער בשעת מעשה, פליהט עס אַרויס פון אונזער זכרון חלילה...

**ג.** וואונדערליכע ווערטער, שרייבט דער 'תפארת שלמה', אויפ'ן פסוק אין דער הייַנטיגער סדרה (ו, ו) 'והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים והצלתי אתכם מעבודתם'. די תורה לערנט אונז די הויפּט-סגולה פאַרוואָס מיר זענען אַרויס פון מצרים. ווען די אידן האָבן געאַרבעט עבודת הפרך, האָבן זיי נישט אַריינגעטראַכט, פאַרוואָס ווערן מיר געפייניגט און דערנידערט מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער? צי דערפאַר ווייל מיר זענען 'מיוחסים', דאַרפן מיר זיין אונטערטעניג צו די נידערטרעכטיגע מצריים? זיי האָבן אָבער די גאַנצע צייט אָנגענומען אַלעס מיט ליבשאַפט, און האָבן אויסגעהאַלטן די גזירה פון דעם באַשעפער. אויב עס איז גוט אין די אויגן פון דעם אויבערשטען, איז עס גוט אויך פאַר אונז.

מיט דעם, טייטשט דער 'תפארת שלמה' דעם פסוק (ב, יא) 'ויגדל משה ויצא אל אחיו וירא בסבלותם'... משה רבינו ע"ה האָט געזעהן ברוח הקודש די מדה פון סבלנות וואָס אידן האָבן, אַז זיי האָבן אונטערגעלייגט אַ פּלייצע, אָנצונעמען מיט ליבשאַפט דעם אויבערשטען'ס גזירה, וכו'. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קשיות אויף די הנהגה פונעם באַשעפער, און צוליב דעם האָבן זיי זוכה געווען צו די גאולה.

ס'איז וויכטיג אַז דער מענטש זאָל גלייבן אין דעם אויבערשטען, ביי אַלע זיינע פּאַסירונגען. פונקט אַזוי ווי מ'דאַנקט דעם אויבערשטען פאַר'ן גוטן, דאַרף מען איהם דאַנקען אויך ווען מ'האָט פאַרשידענע טירדות וואָס שטערן פון עבודת השם, וכו'.

דער 'תפארת שלמה' שרייבט: 'כי עמקו מחשבות ה', לא יבינום כל יושבי תבל' - די געדאַנקען פון דעם אויבערשטען זענען זייער טיף, און די מענטשן אויף דער וועלט קענען עס נישט פאַרשטיין. אפשר איז גאָר דער ווילן פון דעם אויבערשטען, צו פּרובן דעם מענטש צו זעהן אויב ער וועט נאָכקלערן נאָך איהם, עכ"ל.

ווען משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט 'למה הרעותה לעם הזה', האָט מדת הדין געוואָלט טשעפּען מיט איהם פאַרוואָס ער נעמט נישט אָן מיט ליבשאַפט דעם אויבערשטען'ס גזירה. וועגן דעם זאָגט דער פסוק ערשט, 'וידבר אלוקים', אַז די מדה פון דין האָט איהם געוואָלט שטראָפן ח"ו. אָבער ווען דער אויבערשטער האָט געזעהן אַז משה זאָגט עס נישט צוליב זיין אייגענעם צער, ווייל פאַר זיך, האָט משה אָנגענומען מיט ליבשאַפט אַלעס וואָס ער האָט געטוהן, ער נאָר זאָגט 'למה הרעותה', צוליב דעם ווייל ער שפּירט דעם צער פון אידישע קינדער. 'אשר אינם חזקים ודבקים כל כך באמונתם כמוהו' - וואָס זיי זענען נישט אַזוי שטאַרק אין די אמונה אַזוי ווי משה, און צוליב דעם צער און חשבות פון גלות וועלן זיי זאָגן ווערטער וואָס טויגן נישט ח"ו. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער רחמנות געהאַט אויף משה.

**ויאמר** אליו אני ה'. דאָס הייסט, פאַר כלל ישראל זאָלסטו זאָגן אַז אַלע דינים וואָס זעהען אויס אין זייערע אויגן אַזוי ווי מדת הדין חלילה, אַלעס איז באמת רחמים גמורים, ווייל אַזוי איז דער סדר פון די גאולה. אזוי איז שוין געווען ביים בריאת העולם, 'ברישא חשוכא והדר נהורא' (שבת עז:). ערשט איז געווען טונקל, און דערנאָך איז געוואָרן לעכטיג. די אידן זאָלן זיך שטאַרקן און זיין גרייט צו נעמען אויף זיך די פינצטערניש, כדי זיי זאָלן דערנאָך קענען אויפנעמען די גרויסע לעכטיגקייט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (פסוק ו') לכן אמור לבני ישראל אני ה' וגו'. דאָס הייסט, אַז דער גאַנצער גלות און דער שווערער שיעבוד, אַלעס איז רחמים גמורים[ד], עכ"ל[ה].

**כי רוצה ה' בעמו - דער בוכ"ע גליסט אויף פאַר יעדע קליינ'טשיגע עבודה**

**ולקחתי** אתכם לי לעם (ו, ז). דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, ווען איך וועל ענק געבן די תורה, וועל איך ענק נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק.

---

**ד.** ענליכע ווערטער, שרייבט דער הייליגער אַפּטער רב זי"ע, אין 'אוהב ישראל', וידבר אלוקים אל משה, איז אַ לשון פון דין און תוכחה. ויאמר אליו אני ה' - אויך די זאַכן וואָס זענען אויס אין דיינע אויגן פרעמד, אַזוי ווי אַ תוכחה, זאָלסטו וויסן אַז אויך ביי זיי, אני ה' - דער שורש פון רחמים, ווייל עס איז באַהאַלטן אין זיי די לישאַפט און דער חסד און רחמים גמורים, און אַלעס איז פאַר די פולשטענדיגע טובה פונעם מענטש. דאָס קומט לערנען דעם מענטש, אַז ווען ער לייד יסורים ל"ע און זיין מצב זעהט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ בחינה פון דין ('וידבר אלוקים'), זאָל ער גלייבן אַז אַלעס איז רחמים גמורים: ויאמר אליו אני ה'.

מיט דעם טייטשט דער אַפּטער רב זי"ע דעם פסוק (משלי כז, ה) 'טובה תוכחת מגולה מאהבה מוסתרת'. שלמה המלך ע"ה וויל אונז לערנען, אַז אויך אַ 'תוכחת מגולה' איז גוט, ווייל אין דעם איז דאָך באַהאַלטן די ליבשאַפט, און דער חסד פון באַשעפער.

אויף די פסוקים אין דער היינטיגער פרשה (ז, כ-כא) 'ויהפכו כל המים אשר ביאור לדם, והדגה אשר ביאור מתה' וגו', זאָגט דער 'זרע שמשון' (פרשתינו, ד"ה 'במדרש רבה'), די אידן האָבן געהאַט פרנסה אין מצרים פון דעם וואָס זיי האָבן געפאַנגען פיש אין טייך, ווי זיי האָבן געזאָגט (במדבר יא, ה) 'זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חינם'. ווען דער אויבערשטער האָט געשלאָגן די מצריים מיט די מכה פון דם, און אַלע פיש זענען אויסגעשטאָרבן, האָט עס אויסגעזעהן ווי דער גאַנצער מקור הפרנסה פאַר די אידן האָט זיך אָפּגעשטעלט חלילה. למעשה, האָבן זיי אָבער נישט געהאַט שאָדן, ווייל אדרבה, פון דאָרט זענען די אידן געוואָרן רייך, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט (שמ"ר ט, י) אַז די אידן זענען רייך געוואָרן פון די מכה פון דם, ווייל ביי די מצריים, איז דאס גאַנצע וואַסער געוואָרן איבערגעדרייט צו בלוט, און די מצריים האָבן נישט געקענט טרינקען וואַסער, נאָר אויב זיי האָבן געקויפט וואַסער ביי די אידן פאַר אַ פולן פרייז, און פון דעם זענען די אידן רייך געוואָרן. לערנען מיר פון דעם, אַז דאָס וואָס זעהט אויס אין די אויגן פונעם מענטש ווי אַ צרה ח"ו, איז גאָר אַ גרויסע טובה פאַר איהם.

לויט די ווערטער פונעם 'זרע שמשון' קומט אויס, אַז ווען עס 'דאַכט זיך' פאַר עמיצן היינטיגע צייטן, אַז דער 'באָס' האָט איהם אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און ער שיקט איהם אַהיים, ער פרעגט 'מאין יבוא עזרי', אָבער אויב ער וועט זיך שטאַרקן מיט אמונה, וועט ער זעהן אַז פון די מכה פון דם זענען גאָר די אידן רייך געוואָרן, און דייקא דאָ געפינט זיך דער מקור פון זיין פרנסה בהרחבה.

**ה.** הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע האָט נאָכגעזאָגט (געברענגט אין ספר 'בית יצחק'), אין נאָמען פון זיין רבי'ן, הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע, אויף די ווערטער פון דער גמרא (סוטה יא.) אויפ'ן פסוק (שמות א, יב) 'וכאשר יענו אותו

**פרעגט** הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע (געברענגט אין 'שם משמואל', וארא תרע"ז, ד"ה 'ולקחתי'), געוועגליך ווען די אידן ווערן אָנגערופן 'עם', ווייזט עס אויף אַ נידעריגע מדריגה, אזוי זאגט דער מדרש (במדב"ר פ"ב, כג): איבעראל וואו עס שטייט 'עם', איז עס אַ לשון פון גנאי, און איבעראל וואו עס שטייט 'ישראל', ווערן זיי געלויבט, אז זיי זענען געווען אין א הויכע מדריגה.

**אויב** אַזוי, איז שווער, פאַרוואָס דאָ, אין פרשת וארא, ווען דער אויבערשטער זאָגט אָן פאַר די אידן אַז זיי זענען אָנגעגרייט צו נעמען די תורה אויפ'ן באַרג סיני, און ווערן דעם אויבערשטען'ס פאלק, רופט זיי דער פסוק 'עם', וואָס איז אַ לשון גנאי?

**ענטפערט** דער 'אבני נזר', דער טעם פאַרוואָס 'עם' איז אַ לשון גנאי, איז ווייל עס איז פון לשון פאַרלאָשן, אַזוי ווי גחלים 'עוממות' (פסחים כז.) [און אַזוי איז משמע אין פסוק (יחזקאל לא, ח) 'ארזים לא עממהו']. וועגן דעם שטייט דאָ אַ לשון 'עם', ווייל עס איז געווען אַ בשורה פאַר די אידן, אַז אַפילו אויב זיי וועלן זיין אין קטנות המוחין, אָן קיין ברען און פייערדיגע התלהבות, פונדעסטוועגן וועלן זיי זיין באַוויליגט פאַר דעם אויבערשטען. זייערע מעשים וועלן נאָך אַלס מאַכן אַ רעש אויבן אין הימל, און וועלן ברענגען פירות אונטן אויף דער וועלט.

**לויט** דעם, האָט דער מענטש אַ גוטע טענה קעגן דעם יצר הרע, וואָס ער פרובירט מסיח ומדיח זיין דעם מענטש אַז ער זאָל נישט דינען דעם אויבערשטען, ווייל זיינע מעשים האָבן נישט קיין ווערד און חשיבות, וויבאַלד עס איז 'בקטנות המוחין בלתי התלהבות אש דת'. ווייל דער אמת איז, אַז אויך אויף אַזאַ אופן, כי רוצה ה' 'בעמו', ווען די אידן ווערן אָנגערופן 'עם', טוהען אויך זייערע מעשים אַ פעולה לטובה, און עס האָט גאָר אַ גרויסע חשיבות אין הימל, צוליב דער גרויסער ליבשאַפט וואָס אונזער טאַטע אין הימל האָט פאַר אידישע קינדער[ו].

**נאָך** מער, שרייבט דער 'ישמח ישראל' (שמות, אות ג) אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע, אויף דעם וואָס משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען (אין סוף פרשת שמות) 'למה הרעות לעם הזה', און דער אויבערשטער האָט איהם געענטפערט (פרשתינו ו, ה) 'וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל אשר מצרים מעבידים אותם'. לכאורה איז שווער, וואָס פאַר אַן ענטפער האָט דער אויבערשטער

---

כן ירבה וכן יפרוץ'. לכאורה וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן אַ לשון עבר, 'כן רבה, וכן פרץ', אַזוי האָבן זיי זיך געמערט און אויסגעשפרייט אין מצרים. ענטפערט די גמרא, 'רוח הקודש מבשרתן, כן ירבה וכן יפרוץ'. רוח הקודש האָט זיי דאס אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיך מערן און אויסשפרייטן.

האָט הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער געזאָגט, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן נאָר אין דער צייט פון גלות מצרים, נאָר די תורה זאָגט אונז אַ בשורה, אַז אין יעדער צייט, ווען עס וועט זיין אַן עת צרה און די גוים וועלן אונז פייניגן חלילה, וועט מקוים ווערן 'כן ירבה וכן יפרוץ'.

**ו.** ענליך זאָגט הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, אויפ'ן פסוק (תהלים קמח, יד) 'וירם קרן לעמו תהלה לכל חסידיו, לבני ישראל עם קרובו הללוי-ה'. 'לבני' איז פון לשון הבנה און התבוננות ('בינה"). זאָגט דער פסוק: 'לבני ישראל" - יעדער איד קען פאַרשטיין. 'עם' - אויך ווען עס איז אין דער בחינה פון 'עם', דאָס הייסט עס איז 'פאַרלאָשן' ח"ו (פון לשון 'גחלים עוממות'). אויך ווען דאָס האַרץ און דער מח פון אַ מענטש זענען אינגאַנצן אויסגעלאָשן, ער איז פאַרזינקען אין גשמיות'דיגע תאוות, עס דאַכט זיך אַז ער ווערט פאַרלאָשן און ער האָט נישט קיין ניצוץ פון די קדושה. אויך דעמאָלס איז 'קרובו' - ער איז נאָענט צו דעם אויבערשטען, זיין נשמה האָט אַ 'חלק אלוקי ממעל', און אויף דעם זאָגט מען 'הללוי-ה'.

ענליך טייטשט ער אויך דעם פסוק (ישעיה נה, ט) 'קראוהו בהיותו קרוב'. דאַרף מען פאַרשטיין, 'קראוהו', ווען מ'רופט, רופט מען איהם פונדערווייטנס (ווען מ'שטייט נעבן אַ מענטש, דאַרף מען איהם נישט רופן...). אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ לשון פון 'קריאה' - רופן - אין אַ צייט ווען דער אויבערשטער איז 'נאָענט' ('בהיותו קרוב')?

איז דער תירוץ, אַז דער נביא רעדט וועגן אַ צייט ווען עס זעהט אויס אין די אויגן פון מענטש אַז ער איז ווייט. דאַן זאָל ער זאָגן צו זיך, איך, פון מיין זייט, בין איך טאַקע זייער ווייט, אָבער דער אויבערשטער איז זייער נאָענט צו מיר.

געגעבן פאַר משה רבינו ע"ה אויף זיין שאלה, 'למה הרעות לעם הזה'? איך פרעגן די פרשים, אַז דאָס וואָרט 'וגם' איז לכאורה איבעריג. עס וואָלט געווען גענוג צו זאָגן, 'ואני שמעתי את נאקת בני ישראל'.

**ענטפערט** ער, דער אויבערשטער איז דאָך 'תכלית הטוב', ער וויל נאָר טוהן גוטס, 'מאתו לא תצא הרעות'. נאָר וואָס דען, ער ברענגט אַמאָל יסורים ח"ו אויפ'ן מענטש כדי ער זאָל תשובה טוהן אויף זיינע מעשים, און דאָס איז די אמת'ע טובה פאַר'ן מענטש. דאָס איז געווען די סיבה פונעם קושי השעבוד, נאָך דעם ווי די אידן זענען געווען פאַרזינקען אין די מ"ט שערי טומאה, נאָר משה רבינו ע"ה האָט גע'טענה'ט מיט דעם אויבערשטען, למה הרעות 'לעם' הזה. די אידן זענען דעמאָלס געווען אין אַ נידעריגע מדריגה ('עם'), ממילא זענען זיי נישט נתעורר געוואָרן תשובה צו טוהן, און אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ טעם האָט עס זיי צו געבן יסורים. און אויף דעם האָט ער אויסגעפירט זיינע ווערטער, 'והצל לא הצלת את עמך', די צרות האָבן גאָרנישט געברענגט אַ טובה פאַר די אידן.

**אויף** דעם האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט: ס'איז נישט ריכטיג וואָס דו זאָגסט, ווייל דו זעהסט נאָר דעם אויסערליכן חלק פון די אידן, וואָס זיי זענען אין דער בחינה פון 'עם', אָבער איך האָב געהערט דעם ווי-געשריי פון אידן אין זייער פנימיות פון האַרץ. 'וגם' אני שמעתי', אויסער די דרויסנדיגע קולות וואָס זענען שייך צו דער בחינה פון 'עם', האָב איך געהערט אויך דעם אינערליכן קרעכץ פון די אידן, 'בני ישראל' (וואָס ווייזט אויף אַ העכערע מדריגה), און אפילו אויב כלפי חוץ זעהט עס אויס ווי זיי ווערן נישט נתעורר צוליב די יסורים, אָבער אין פנימיות פון זייער נפש שטאַרקט זיך זייער באַגער און תשובה צום באַשעפער, און עס איז דאָ אַ גרויסער תועלת פונעם שווערן שיעבוד.

**דער** 'ישמח ישראל' פירט אויס: פון דעם דאַרף יעדער איד זיך אַרויסנעמען אַ לימוד פאַר זיך, אַז ער זאָל זיך קיינמאל נישט מייאש זיין חלילה. אפילו אויב עס דאַכט זיך איהם אַז ער שפירט גאָרנישט און ער ווערט נישט נתעורר צו תשובה, אָבער דאָס פנימיות און די טיפענישן פון זיין האַרץ און פון זיין נפש, גליסטן און קוקן אַרויס שטענדיג צום פלאַץ פון זייער אָפּשטאַם, און ער ווערן נתעורר מיט תשובה.

'**ולכן** מחויב כל אחד ואחד מישראל לעשות כל אשר בכחו לעבודת השם יתברך' -און וועגן דעם איז יעדער איינציגער איד מחויב צו טוהן אַלעס אין זיינע מעגליכקייטן צו דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא. און זיך שטאַרקן און מחזק זיין מיט יעדע סאָרט התחזקות, נישט אַריינצופאַלן חלילה אין יאוש, עכ"ל.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער 'שפתי צדיק' (וארא, אות כו) אויפ'ן פסוק וואָס שטייט אין דער היינטיגער סדרה, נאָך די מכה פון דם (ז, כג) 'ויפן פרעה ויבוא אל ביתו, ולא שת לבו גם לזאת'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער פסוק אונז געדאַרפט לאָזן הערן אַז פרעה איז אָנגעקומען צו זיך אַהיים? דער עיקר וויל מען דאָך אונז דערציילן אַז 'ולא שת לבו', ער האָט זיך נישט געקימערט פון די ווערטער פון משה און אהרן, איז וואָס איז אַ נפקא מינה אויב עס איז געווען אינעווייניג אין הויז, אָדער אינדרויסן [בכלל, וואָס איז אַ חילוק צו וויסן אַז ער איז צום סוף אָנגעקומען אַהיים, און ער איז נישט געבליבן שטיין אינדרויסן אויפ'ן גאַס...].

**ענטפערט** דער 'שפתי צדיק', לויט ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"א רלד.) אויף דעם פסוק אין תהלים (קב, יח) 'פנה אל תפילת הערער', אַז דאָס גייט אַרויף אויף די תפילה פון אַ יחיד, אַז דער אויבערשטער קוקט אַריין דערין אויב עס איז ראוי אָנגענומען צו ווערן.

**דאָס** זאָגט דער פסוק: 'ויפן פרעה' - פרעה האָט זיך געוואָרפן מיט'ן געדאַנק צי ער זאָל אָננעמען דעם צייכן פון די מכה פון דם און ער זאָל ווערן אונטערטעניג, אָדער נישט. ער האָט געהאַט אַ סעקונדע פון אַ גוטע מחשבה, נאָר צום סוף האָט דער יצר זיך געשטאַרקט אויף איהם און ער האָט זיך באַרעכנט נישט צו ווערן אונטערטעניג פאַר דעם אויבערשטען, און ער איז אָנגעקומען אַהיים אין אַ מצב פון 'ולא שת לבו'.

**און** די תורה שרייבט דאָס אַרויס - שרייבט ווייטער דער 'שפתי צדיק' - 'ללמדנו לימוד גדול, אַז אַ גוטע מחשבה וואָס דער מענטש טראַכט, באַטש אַפילו

ער האָט גאָרנישט פאַרראַכטן, ווערט עס נישט פאַרגעסן אין הימל, ווייל די גאַנצע עבודה פונעם מענטש איז מכניע צו זיין די סטרא אחרא, און וועגן דעם, אַלעס וואָס דער מענטש טוט, אפילו בלויז א מחשבה לטובה, באַקומט ער אויך שכר דערפאַר!

**נורא** נוראות. פון וועם רעדט מען דא? מ'רעדט דאָך דאָ פון דעם רשע פרעה, אָבער פונדעסטוועגן, איין רגע פון אַ גוטע מחשבה וואָס ער האָט געהאַט, איז שוין מרומז געוואָרן אין די תורה, 'ואין שכחה בשמים' - אין הימל פאַרגעסט מען עס נישט. און כאָטש ס'איז נישט געקומען לכלל מעשה, האָט מען עס געדענקט אין הימל. איז דאָך אַ קל וחומר, בן בנו של קל וחומר, אַז ווען אַ איד האָט אַ גוטע מחשבה, איז עס גאָר חשוב, און אַוודאי און אַוודאי אויב עס קומט 'לכלל מעשה'[ז]...

**גאָר** אַ גרויסע מעשה האָט די התחזקות אין די יעצטיגע וואָכן פון שובבי"ם. אין אַזעלכע זמנים, איז יעדע התחזקות און יעדע מינדעסטע התגברות און כפיית היצר, ווערט אָנגענומען מיט ליבשאַפט אין הימל, ווייל דער אויבערשטער קוקט אַרויס מער אין די יעצטיגע צייט, אַז אידישע קינדער זאָלן תשובה טוהן פאַר איהם[ח].

**עם** שטייט אין ספה"ק 'מגיד מישרים' (פרשת תרומה) אַז דער מלאך האָט געזאָגט צום 'בית יוסף', אַז די

---

**ז.** ס'איז פשוט און פאַרשטענדליך, אַז מ'טאָר זיך נישט צופרידנשטעלן נאָר מיט אַ גוטע מחשבה... ווי דער 'חפץ חיים' זי"ע פלעגט נאָכזאָגן, אַ וואָרט וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון אַ מגיד, אויפ'ן פסוק (תהלים צב, יא) שתולים בבית ה'. מ'קען זיצן 'איינגעפלאַנצט' אין בית המדרש, וואו מ'הערט דברי התעוררות, וואָס צינדן אָן דעם מענטש מיט אַ התלהבות. דער פראָבלעם איז נאָר: 'בחצרות אלוקינו' - נאָך די דרשה, ווען מ'גייט אַרויס אין 'הויף' פון דער שול. 'יפריחו' - פליען שוין אַרויס פון קאָפּ די אַלע ווערטער וואָס ער האָט געהערט אין שול.

אַוודאי און אַוודאי טאָר מען זיך נישט פירן ווי פרעה דער רשע, און בלייבן בלויז מיט די מחשבה. ווי דער 'שפתי צדיק' פירט אויס, אַז דאָס הויז פון פרעה הרשע וואָס ער האָט זיך געמאַכט פאַר אַן אָפּגאָט, איז געווען פול מיט כישוף און די סטרא אחרא, און וועגן דעם זאָגט דער פסוק 'ויבא אל ביתו', כדי אָפּצוטוהן פון זיך די גוטע מחשבה וואָס ער האָט געהאַט, און ער האָט געטוהן פאַרקערט פון דעם וואָס חז"ל זאָגן (סוכה נב:) 'אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש', נאָר אדרבה, פרעה האָט איהם 'געשלעפּט' צו זיך אַהיים, צו אַ הויז וואָס איז געווען פול מיט זוהמא און טומאה, כדי צו שטאַרקן חלילה דעם כח פון יענעם 'מנוול'... נאָר אדרבה, אַ איד דאַרף שטענדיג זוכן עצות אויסצופירן דעם גוטן געדאַנק לידי מעשה, מ'זאָל שטאַרקן דעם גוטן רצון, ביז עס וועט זיין 'שלהבת עולה מאליה'.

**ח.** אין דער צייט ווען דער גאון רבי שמואל ראָזאָווסקי זצ"ל איז געווען דער ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, איז געווען אַ בחור וועלכער האָט ליידער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול תורה ומצוות רח"ל, און ער האָט זיך מאָבילעזירט אין דער אַרמיי. ס'איז איבעריג צו זאָגן, אַז די דאָזיגע מעשים האָבן איהם דערווייטער פון זיינע חברים. אַלע זיינע חברים האָבן איבערגעהאַקט מיט איהם יעדע פאַרבינדונג.

כאָטש אין די ערשטע צייטן, איז דער בחור געווען צופרידן פון זיין נייער 'סביבה', אָבער מיט דער צייט, האָט ער באַגריפן אַז נישט פון דאָרט וועט קומען זיין ישועה. קיין איינער פון די אַרמיי-קאָמאַנדירן און אָפיצירן, זוכט נישט זיין טובה... ער האָט למעשה באַקומען געפילן פון חרטה אויף דעם וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אַלעס וואָס איז איהם געווען טייער און חשוב. ער האָט אָבער שוין נישט געקענט 'צוריקדרייען דאָס רעדל', ווי מ'זאָגט, און ער האָט געוואוסט אַז קיינער וועט איהם מער נישט וועלן אָננעמען.

אַ געוויסן טאָג, האָט ער באַקומען אַ מעלדונג, אַז ס'איז אָנגעקומען פאַר איהם אַ בריוו פון איינע פון זיינע ידידים. ער האָט זיך זייער געפרייט, 'כמוצא שלל רב', אַז ער איז נישט אינגאַנצן הפקר און פאַרלאָזט, און ס'איז נאָך דאָ אויף דער וועלט עמיצער וואָס געדענקט אין איהם. ער האָט זיך געוואונדערט ווער איז דאָס דער 'ידיד' זיינער, וואָס שיקט איהם אַ בריוו.

ווען ער האָט באַקומען דעם בריוו, האָט ער געזעהן אונטערגעשריבן אויפ'ן קאָנווערט, איין וואָרט: 'שמואל'. דאָס האָט אַרויסגערופן נאָך מער וואונדער אין זיינע אויגן, ווייל ער האָט נישט געדענקט ער זאָל האָבן געהאַט אַ חבר מיט'ן נאָמען 'שמואל'... ווען ער האָט ענדליך שוין געעפנט דעם קאָנווערט, האָט ער געזעהן עטליכע

תשובה און תענית אין די שובבי"ם טעג, ווערט אָנגענומען אין הימל אפילו אויב עס ווערט געטוהן אויף אַן אופן וואָס אין די אַנדערע טעג פון יאָר וואָלט עס נישט אַזוי גערעכנט געוואָרן.

### דם צפרדע - וואָס איז דער לימוד פון די מכות פאַר אונז

**דער** זוהר הקדוש (פרשת בא, לו.) זאָגט אויפ'ן פסוק (ישעיה יט, כב) 'ונגף ה' את מצרים נגוף ורפוא' - 'נגוף למצרים ורפוא לישראל'. יעדע מכה האָט גורם געווען אַ רעה פאַר די מצריים, און גלייכצייטיג דערמיט איז עס געווען אַ רפואה און אַ גרויסע טובה פאַר אידן. צום ביישפיל, די מכה פון דם, וואָס פון דעם זענען די אידן רייך געוואָרן (שמ"ר פ"ט, י).

**זאָגן** די ספרים הקדושים, אידן זענען לוידער געווען פאַרזינקען אין די טומאה פון מצרים, און די צען מכות האָבן אויסגערייניגט די אידישע נשמות, און אויסגעהיילט זייערע נפשות, כדי זיי זאָלן קענען אויסגעלייזט ווערן פון מצרים.

**מיר** ווייסן אַז די הייליגע תורה איז אַ נצחיות, און אַלעס וואָס די תורה שרייבט, איז גילטיג אין אַלע דורות. אויך אין אונזערע צייטן, טוהען די 'צען מכות' רייניגן אידן און אונז ראַטעווען פונעם יצר הרע, וואָס דאָס איז דער שיעבוד מצרים היינטיגע צייטן. ממילא, דאַרפן מיר זיך מתבונן זיין אין דעם פנימיות'דיגן תוכן פון די מכות וואָס שטייען אינעם 'ספר מלחמות ה'"[ט], כדי מיר זאָלן וויסן דעם וועג אויף וועלכן מ'דאַרף גיין, כדי אַרויסצוגיין פריי, אויף אַ 'חירות עולם', פון דעם יצר הרע.

**דער** אר"י הקדוש ערקלערט דעם ענין פון די צען מכות על פי קבלה, אָבער מיר וועלן דערמאָנען וואָס די ספרים הקדושים שרייבן על דרך העבודה, וועגן די מכות פון דם און צפרדע, זאָגן וואָס זענען ממש 'מעינינא דיומא', אין די היינטיגע טעג פון שובבי"ם:

**ערשטנס**, די מכה פון דם איז מרמז אויף 'מלכות פה', וואָס איז מרמז אויף דעם מויל פון מענטש. די ערשטע מכה וואָס דער אויבערשטער האָט געברענגט אויף די מצריים איז געווען, כדי צו ראַטעווען דאָס מויל פון יעדן איסור און טומאה. וועגן דעם איז עס געווען די ערשטע מכה, ווייל צוערשט דאַרף דער מענטש פאַרריכטן זיין מויל, אָפּהיטן דעם 'ברית הלשון', זיך דערווייטערן פון יעדן דיבור וואָס איז נישט ריין בתכלית.

**מיר** געפינען שוין אין די ווערטער פון חז"ל, וועגן די גרויסע שטראָף רח"ל וואָס עס באַקומט דער מענטש וואָס איז מפקיר זיין מויל און ער רעדט ניבול פה רח"ל.

**דער** ווילנער גאון זצ"ל, זאָגט אין זיין פירוש אויף משלי (יג, ג), אויפ'ן פסוק, 'שומר פיו נוצר נפשו'. דאָס מויל פון מענטש, היט זיין גאַנצן נפש, און אויף דעם

---

געשריבענע ווערטער, ווי פאָלגענד: 'יקירי אהובי, לאן שלא הגעת, איפה שאתה נמצא, ברצוני לפגוש אותך ולשוחח אתך. ידידך - שמואל ראַזאָווסקי'.

דער בחור איז געוואָרן זייער נתרגש פון דעם בריוו, און ער האָט באַלד באַשלאָסן אַרויסצוגיין זוכן דעם ראש ישיבה, רבי שמואל ראַזאָווסקי. ער האָט באַוויזן אַריבערצושפּרינגען אַלע אייזערנע פלויטן און טויערן פון דער אַרמיי-באַזע וואו ער האָט געדינט, און ער איז אָנגעקומען אין הויז פון רבי שמואל. רבי שמואל האָט איהם אויפגענומען גאָר פריינטליך, און פאַרברענגט מיט איהם עטליכע שעה. אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט דער בחור זיך אומגעקערט צו זיין מקור און שורש.

אין די יעצטיגע שובבי"ם-טעג, באַקומט יעדער איינער פון אונז - אָן אויסנאַם - אַ 'מכתב עוז חביון', אַ בריוו פון אונזער ליבן טאַטן אין הימל, וואָס ער שרייבט צו אונז: 'יקירי אהובי, לאן שלא הגעת, היכן שאתה נמצא, אני רוצה לפגוש אותך ולשוחח עמך', ווייל אין יעדן מצב אין וועלכן אַ איד געפינט זיך, וויל דער אויבערשטער אַז ער זאָל זיך אומקערן צו איהם, און ער וועט באַלד אָננעמען זיין תשובה. מיר דאַרפן נאָר האָבן שכל, איבערצולאָזן די 'מחנה' (אַזוי ווי יענער בחור האָט געטוהן...) און צוריקקומען צו דעם אויבערשטען, וועלכער וועט אונז דאַן אויפהייבן מעלה מעלה...

**ט.** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'אמרי הרי"מ', פ' שמות), אַז אין קאָצק האָט מען געזאָגט, אַז מ'דאַרף מעיין זיין אין די פרשיות פון גלות און גאולת מצרים, אַזוי ווי אין אַ שווערן תוספות, און אַ שווערע הלכה...

זאָגט די גמרא (ברכות יז.) 'שמור פיך מכל חטא', ווייל דורך דעם מויל, קענסטו זיך היילִיגן און רייניגן פון יעדן זינד, אָבער דער מענטש וואָס טוט ערלויבן זיינע ליפּן צו זיין אויף דער פריי, איז כאָטש ער איז שטאַרק אין אַלע אַנדערע ענינים, ער איז מקיים אַסאַך מצוות און גדרים, וועט אבער זיין מויל איהם צוברעכן.

**דער** 'אבן שלמה' (פ"ז אות א) איז מוסיף: 'וכל תשוקתו לדבר מצוה, מתבטל על ידי זה' - זיין גאַנצע גליסטינג צו אַ מצוה, ווערט דורך דעם בטל.

**אויך** פון די צווייטע מכה, צפרדע, וואָס איז קעגן מדת 'יסוד' - די מדה פון קדושה, קען מען זיך אַרויסלערנען עטליכע יסודות ווי אַזוי זיך אָפּצוהיטן בקדושה. נאָר ביי די מכה פון צפרדע, געפינען מיר דעם ענין פון מסירות נפש אויף קידוש השם, ווען די צפרדעים זענען אַריינגעשפּרינגען אין די אויווענעס פון די מצריים.

**דאָס** לערנט אונז, אַז זיך אָפּצוהיטן בקדושה, פאָדערט זיך אמת'דיגע מסירות נפש! אלעמאָל, אין יעדע מצב, זיין גרייט 'אַריינצוגיין אין פייער', אָן קיין 'תירוצים' און פקפוקים, אז מ'זאָל ח"ו נישט עובר זיין אויף דעם אויבערשטען'ס רצון[י].

**מיר** געפינען טאַקע אין 'פרק שירה' (סוף פרק ד') אַז די צפרדע זאָגט 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד', ווייל דאָס איז דער פסוק וואָס ווייזט אויף יחוד שמו יתברך ביז מסירות נפש, און דאָס איז דער לימוד פון די מכה פון צפרדע, אונז צו לערנען אַז מ'דאַרף האָבן מסירות נפש אָפּצוהיטן אַלע גדרים פון קדושה.

**פון** מכת צפרדע לערנען מיר אויך וואָס הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט מדייק געווען, אַז נאָר ביי די מכה פון צפרדע געפינען מיר דאָס לשון, 'ותבאש הארץ'. דאָס איז אַ רמז אַז די עצה קעגן שלעכטע תאוות איז, דער מענטש זאָל אינגאַנצן פאַר'מיאוס'ן די תאוה אין זיינע אויגן, ביז עס ווערט ביי איהם אַזוי ווי אַ זאַך וואָס עס שפּירט זיך דערפון ווי עס גיט אַרויס אַ שלעכטן ריח[יא].

**דער** אָזשעראָוור רבי זצ"ל, זאָגט אין 'באר משה' (פרשתינו), ביי אַלע מכות, זאָגט דער פסוק ווען משה רבינו ע"ה האָט מתפלל געווען אַז די מכה זאָל זיך אָפּטוהן פון די מצריים, שטייט 'ויעתר' - משה האָט געבעטן. נאָר ביי צפרדע, שטייט 'ויצעק'! ווייל דער מענטש דאַרף שרייען צו דעם אויבערשטען, אנא ה', הייליג טאַטע, האב רחמנות, ראַטעווע מיך פונעם יצר, וואָס שטאַרקט זיך אויף מיר אין די ענינים. עס

---

**י.** אַ וואונדערליכן לימוד, לערנט אונז דער 'דברי שמואל' (פרשתינו). ער ברענגט די ווערטער פון מדרש (שמ"ר פ"י, ג) וואָס ער פרעגט, ווי אַזוי האָט דער צפרדע געקענט אַריינקומען אין די גרויסע געמויערטע הייזער פון די וויכטיגע 'חברה' ביי די מצריים, וואָס זענען געווען געבויט פון מאַרמאָרשטיין? ענטפערט דער מדרש, דער פראָש האָט געזאָגט פאַר דעם מאַרמאָרשטיין, מאַך מיר פלאַץ, איך זאָל קענען אַריינקומען און טוהן דעם רצון פון באַשעפער, און דער מאַרמאָרשטיין האָט זיך געשפּאָלטן. אָט אַזוי דאַרף יעדער איד זאָגן צו זיין פאַרשטאָפּטע האַרץ: שפּאַלט זיך, כדי איך זאָל קענען טוהן דעם רצון פון באַשעפער... שפּאַלט זיך, אַז איך זאָל קענען טוהן דעם רצון פון באַשעפער... ווייל דער מאַרמאָרשטיין האָט זיך געשפּאָלטן אַפילו פאַר אַ צפרדע.

**יא.** אַזוי שרייבט דער 'שפת אמת' (תרל"ט, ד"ה 'ובמקום אחר') אויפ'ן פסוק (דברים כג, טו) 'ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך'. 'ולא יראה' - די תאווה ('ערות דבר') זאָל דיר נישט געפעלן... ('ולא יִרְאֶה' קען מען טייטשן אַזוי ווי 'ולא יֵרָאֶה'...). דו זאָלסט זיין הייליג, ביז דו וועסט אינגאַנצן פאַר'מיאוס'ן זיך אינעם שלעכטן.

אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ו, ז) 'והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים', זאָגט דער 'שפת אמת' (תרל"א, ד"ה 'והוצאתי'), אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די אידן, איך וועל אייך אַרויסנעמען פון דעם וואָס איר זענט געוואוינט 'אויסצוהאַלטן' ('סבלות') די טומאה פון מצרים. דער גאַנצער ענין פון דעם גלות, איז דאָך וואָס דער מענטש געוואוינט זיך צו לעבן אונטער אַ שלעכטע דערדריקנדע הערשאַפט. דער סוד פון דער גאולה איז, ווען דער מענטש שפּירט ביי זיך אַז ער איז נישט גרייט פאַרצוזעצן זיין שלעכטן וועג.

דער 'שפת אמת' פירט אויס בזה הלשון: דאָס איז די בעסטע עצה פאַר יעדן איד, דורך דעם וואָס ער געוואוינט זיך פיינט צו האָבן די עבירה בתכלית השנאה, און דאָס איז דער אָנהייב פון די גאולה, עכ"ל.

איז נישט גענוג מתפלל צו זיין דערויף, נאָר מ'דאַרף אויך 'שרייען'[יב].

יעדער איינער פארשטייט, אז ווען עס האָט אויסגעבראָכן אין אַ פייער רח"ל ביי איינעם אינדערהיים, וועט ער נישט אַרויסגיין בעטן פון זיינע שכנים מיט אַן איידל, שטיל קול, זיי זאָלן איהם העלפן אויסלעשן די שריפה, נאָר ער שרייט הויך אויפ'ן קול, בעטנדיג הילף, ווייל ווען דאָס פייער פלאַקערט, איז נישט אַ צייט צו רעדן שטיל... דאָס זעלבע דאַרף מען ביי די ענינים פון מדת 'יסוד'[יג], שרייען צו דעם אויבערשטען![יד]

---

**יב.** מ'דאַרף וויסן, אַז ווען מ'בעט 'וטהר לבינו לעבדך באמת', און מ'גיט אַ קרעכץ פון טיפן האַרצן אויף דעם וואָס מ'איז אַזוי דערווייטערט פון דעם אויבערשטען און פון זיין עבודת הקודש, לאָזט איבער דער דאָזיגער געשריי אַ גרויסן רושם אין הימל, עס שאָקלט אויף אַלע וועלטן. מ'קען נישט משיג זיין אַפילו כטיפה מן הים, ווי באַליבט ס'איז ביי דעם אויבערשטען דער רצון און די השתוקקות וואָס אידן האָבן צו טוהן זיין רצון.

אַזוי טייטשט דער 'אור לשמים', די ווערטער פון רש"י אָנהייב היינטיגע סדרה (ו, ג) 'וארא - אל האבות'. פרעגן די מפרשים, וואָס איז רש"י מחדש מיט דעם וואָס ער זאָגט 'אל האבות', אין פסוק שטייט דאָך בפירוש, 'וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב'? און ווער ווייסט דען נישט, אַז אברהם, יצחק און יעקב, זענען אונזערע הייליגע אבות?

זאָגט דער 'אור לשמים', 'אבות' איז פון לשון וועלן - רצון [אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (להלן י, כז) 'ולא אבה לשלחם']. רש"י וויל מרמז זיין, אַז דער אויבערשטער טוט זיך אַנטפּלעקן צו יעדן מענטש וואָס ווילן און האָט אַ השתוקקות צו טוהן זיין רצון.

דער 'אור לשמים' שרייבט: אפילו זיי דינען נאָך נישט דעם אויבערשטען, נאָר זיי האָבן אַ גוטן רצון דערצו, וועלן זיי אויך זוכה זיין צו אַ גילוי פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. (ענליכע ווערטער, שרייבן אויך אַנדערע ספרים).

גאָר שטאַרקע ווערטער, שרייבט הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע (שמות, ד"ה 'ותעל') אויף דעם פסוק (שמות ב, כג) 'ותעל שוועתם אל האלקים מן העבודה': דאָס וואָס אַ איד שרייט צו דעם אויבערשטען פון טיפן האַרצן, אויף דעם וואָס דער יצר הרע שטאַרקט זיך אויף איהם און ער וויל איהם הרג'ענען חלילה, איז חשוב און אָנגענומען ביי דעם אויבערשטען, נאָך מער ווי די עצם עבודה זעלבסט.

עס ווערט געברענגט (אביר הרועים', ח"ב, ע' שיח), אַז ווען הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע. איז געווען רב אין דער שטאָט פאַרצוויי (פּאַרצעוו'), האָט ער זיך אַמאָל אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ער האָט נישט אין זיין שטאָט מיט וועמען צו שמועסן חסידות. האָט דער 'חידושי הרי"ם' איהם געזאָגט: חז"ל זאָגן דאָך (יומא עה.) אויפ'ן פסוק (משלי יב, כה) 'דאגה בלב איש ישיחנה'. אַז 'ישיחנה' מיינט, 'ישיחנה לאחרים' - מ'זאָל זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ וועגן די דאגה, מיט אַנדערע מענטשן. דאָס איז דערפאַר, ווייל דורך דעם וואָס דער מענטש דערציילט וועגן זיין דאגה פאַר אַנדערע מענטשן, ווערט עס אָפּגעטוהן פון איהם. אָבער דיין דאגה (וואָס דו האָסט נישט מיט וועמען צו רעדן חסידות...) זאָלסטו נישט זאָגן פאַר אַנדערע, ווייל ס'איז גוט אַז די דאָזיגע 'דאגה' זאָל זיך נישט אָפּטוהן פון דיר... עס איז אַ גוטער סאָרט דאגה... אדרבה, עס זאָל יאָ איבערבלייבן ביי דיר, און ס'זאָל ווייטער נאָגן אויף דיין האַרץ...

**יג.** צווישן די יסודות פון יראת שמים, איז צו מאַכן גדרים און סייגים, זיך צו דערווייטערן פון אן עבירה, ווי דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, זאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ט, כ) 'הירא את דבר ה' מעבדי פרעה, הניס את עבדיו ואת מקנהו אל הבתים'. אַ ירא שמים איז נישט מסכים אַז זיינע קינדער זאָלן זיך אַרומדרייען אויף די גאַסן און אויף די פעלדער (צוליב גדרי קדושה)... ער נעמט אַריין זיינע בני בית אין הויז ('אל הבתים'), אַז זיי זאָלן דאָרט אָפּגעהיטן ווערן בקדושה.

דער עיקר איז, התבוננות, און צוצולייגן האַרץ, ווי דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, שרייבט אין אַ בריוו צו אַן אייניקל, הבחור מנחם נתן הי"ד, 'וועגן דעם וואָס דו האָסט געשריבן אַז איך זאָל דיר שרייבן וועגן דעם ענין פון יראת שמים, נעכטן האָבן מיר געלייענט אין די פרשה (וארא) 'הירא את דבר ה' וגו', ואשר לא שם לבו 'וגו'. איז משמע, אַז יראת שמים מיינט, צוצולייגן האַרץ צו יעדע זאַך. מ'זאָל נישט טוהן עפּעס וואָס איז נישט לרצון פאַר דעם באַשעפער, און מ'זאָל גלייבן אַ 'מלא כל הארץ כבודו', און אַזוי דערגרייכט מען יראת שמים, עכ"ל.

באמת, איז דאָך אַ וואונדער אויף די מצריים. זיי האָבן דאָך קלאָר געזעהן ווי משה'ס ווערטער ווערן מקויים, איינער נאָכ'ן צווייטן. ממילא, האָבן זיי געדאַרפט חושש זיין אויף זיינע ווערטער. פאַרוואָס האָבן זיי נישט אַריינגענומען

שובבי"ם - די גרעסטע טהרה און שפע קומט דורך לימוד התורה

**אין** דער היינטיגער פרשה (ו, ט) לייענען מיר: 'ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה'. זאָגט דער 'אור החיים' הקדוש, אַז ס'איז מעגליך אַז זיי האָבן נישט געהערט משה'ס ווערטער ווייל זיי זענען נישט געווען 'בני תורה', און דאָס רופט זיך 'קוצר רוח', ווייל די תורה טוט אויסברייטערן דאָס האַרץ פונעם מענטש[טו], עכ"ל.

**אין** אנדערע ווערטער, די תורה נעמט אַוועק יעדע דאגה פון אַ מענטשן'ס האַרץ[טז], און עס גיט איהם

---

זייערע בהמות אין די הייזער, אַז זיי זאָלן נישט געשעדיגט ווערן פונעם האָגל? און אַפילו אויב זיי האָבן נישט געגלייבט אויף זיכער אין זיינע ווערטער, האָבן זיי על כל פנים געדאַרפט חושש זיין צוליב דעם ספק אַז אפשר איז עס ריכטיג. נאָך גרעסער איז דער וואונדער, לויט ווי דער מדרש זאָגט (שמ"ר פי"ב, כ) 'הירא את דבר ה' מעבדי פרעה', זאָגט דער מדרש אַז דער 'ירא את דבר ה'' איז געווען איוב. 'ואשר לא שם לבו' - פרעה און זיין פאַלק. קומט אויס, אַז אין גאַנצן לאַנד מצרים איז געווען נאָר איין מענטש וואָס האָט געגלייבט אַז די מכה פון ברד וועט קומען.

נאָר וואָס דען, כאָטש זייער שכל האָט פאַרשטאַנען אַז עס וועט מקוים ווערן, איז אָבער זייער האַרץ געווען ווייט דערפון, און זיי האָבן זיך נישט מתבונן געווען אין האַרץ.

**יד.** עס פאַרשטייט זיך אַליין, אַז אַלעס דאַרף געטוהן ווערן מיט שמחה. אויך דער 'געשריי' זעלבסט, זאָל נישט זיין מיט עצבות ח"ו, ווי מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט אין די שובבי"ם טעג, אַז שוב"ב ראשי תיבות ש'מחים ב'צאתם ו'ששים ב'בואם...

די גמרא זאָגט (עירובין נד.) שמואל האָט געזאָגט צו זיין תלמיד רב יהודה: 'שיננא, חטוף ואכול, חטוף ואישתי, דעלמא דאזלינן מיניה כהילולא דמי'. כאַפּ און עס, כאַפּ און טרינק, ווייל די וועלט איז אַזוי ווי אַ חתונה. זאָגן די ספרים, אַז שמואל האָט געמיינט צו זאָגן, אַז דאָס 'אַריינכאַפּן' מקיים צו זיין תורה ומצוות, דאַרף זיין מתוך שמחה, אַזוי ווי ביי אַ חתונה, וואָס די געסט זיצן ביי טישן און זיי עסן און טרינקען, און ביי דער זייט הערט מען די מוזיקאַנטן וואָס שפּילן שיינע ניגונים, אַזוי דאַרף דער מענטש לערנען און דינען דעם אויבערשטען, און זיך פרייען אַז ער איז זוכה צו טוהן דעם רצון פון דעם באַשעפער, און נישט אונטער אַ 'דרוק' און 'נערוון' חלילה...

דאָס געשריי אַליין, איז די יראת שמים וואָס מ'פאָדערט פונעם מענטש, ווי די קדמונים זאָגן אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן יעדן טאָג ביי שחרית, 'ואל תביאנו לא לידי חטא ולא לידי עבירה ועון'. פרעגן די מפרשים, מיר ווייסן דאָך אַז 'הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים' (ברכות לג:), אויב אַזוי, ווי אַזוי איז שייך צו בעטן דעם אויבערשטען אַז ער זאָל אונז נישט ברענגען צו אַן עבירה? איז דער תירוץ, אַז די בקשה אַליין איז יראת שמים. די עצם בחירה פונעם מענטש מתפלל צו זיין און בעטן דערויף, ווערט גערעכנט פאַר איהם ווי איינער וואָס האָט שוין אויסגעקליבן צו זיין אַ ירא שמים, און זיין תפילה ווערט אָנגענומען (מהרש"א, ברכות י., ד"ה 'חטאים', און 'חזון איש', או"ח סי' רנו, אות א, ד"ה 'דברים').

**טו.** הרה"ק רבי מאָטעלע האָרנאָסטייפּעלער זי"ע איז אַמאָל געווען צוגאַסט ביי זיין גרויסן שווער, דער צאַנזער רב, הרה"ק בעל 'דברי חיים' זי"ע. ווען ער האָט זיך געגרייט אַהיים צו פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד, האָט זיין רעביצין, די טאָכטער פון צאַנזער רב, זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר איר הייליגן טאַטן, איבער דער מלכות הרשעה אין רוסלאַנד, וואָס פייניגט די דאָרטיגע אידן. צווישן אַנדערע, האָט זי זיך אויסגעדרוקט: 'ס'איז דאָך נאָך ערגער ווי אין מצרים'...

האָט דער צאַנזער רב זיך אָנגערופן צו זיין טאָכטער: 'זאָג נישט אַזוי, ווייל אין מצרים האָבן דאָך די אידן נאָך נישט געהאַט די תורה וואָס איז 'משיבת נפש', אָבער מיר האָבן יאָ די תורה, וואָס מיט איר כוח קען מען זיך האַלטן אין די שווערסטע צייטן'.

**טז.** דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, פלעגט עצה'ן יעדן איינעם וואָס האָט געהאַט אַ ספק איבער אַן ענין ווי אַזוי צו טוהן, ער זאָל לערנען אַ בלאַט גמרא. די גמרא וועט איהם געבן דעם נויטיגן ישוב הדעת און ער וועט קענען מכריע זיין די צדדים פון זיין ספק.

אַזוי האָט געזאָגט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זצ"ל ('ליקוטי אמרים', אות סג), אַז ווען אַ מענטש האָט אַ קליינע דאגה, איז די עצה ער זאָל לערנען אַ בלאַט גמרא, און אויב ער האָט אַ גרעסערע דאגה, זאָל ער

אַריין אַ טל של תחיה זיך צו האַלטן פעסט ביי יעדע צרה ברוחניות ובגשמיות[ז], אַזוי ווי רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק (משלי יב, כה) 'דאגה בלב איש ישחנה ודבר טוב ישמחנה', 'יעסוק בתורה, והיא תשמח את הדאגה שבלבו ותצילנו ממנה' - ער זאָל לערנען תורה, און זי וועט דערפרייען זיין האַרץ פון די דאגה, און זי וועט איהם ראַטעווען פון פון די דאגה.

**אין** דער פריערדיגער סדרה (שמות), האבן מיר געלערנט, ווען דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו משה רבינו ע"ה ביים סנה, האָט ער איהם געזאָגט (ג, יב) 'בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה'. זאָגט רש"י: 'דבר גדול יש לי על הוצאה זו (יציאת מצרים), שהרי עתידים לקבל התורה על ההר הזה לסוף שלושה חדשים שיצאו ממצרים'.

**פרעגט** דער 'שפתי חכמים', פאַרוואָס זאָגט רש"י אַז זיי וועלן מקבל זיין די תורה ביים סוף פון דריי חדשים, זיי האָבן דאָך באַקומען די תורה נאָך פופציג טעג פון יציאת מצרים?

**נאָר** די כוונה איז נישט אויף תורה שבכתב וואָס זיי האָבן באַקומען ביים מעמד הר סיני, נאָר אויף תורה שבעל פה, וואָס זיי האָבן באַקומען ערשט נאָך דריי חדשים - שבעה עשר בתמוז, ווען משה רבינו ע"ה איז אַראָפּגעקומען פון הימל. און דאָס מיינט רש"י מיט די ווערטער, 'ודבר גדול', תורה שבעל פה, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (גיטין ס:) אַז דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ בונד מיט די אידן, נאָר צוליב תורה שבעל פה, ווי דער פסוק זאָגט (שמות לד, כז) 'כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל'.

**דער** טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ בונד מיט די אידן נאָר צוליב תורה שבעל פה, זאָגט דער מדרש (תנחומא נח, ג) ווייל צו לערנען תורה שבעל פה, פאָדערט זיך אַ געוואַלדיגע האָרעוואַניע, און צוליב דעם האָט דער אויבערשטער געדאַרפט איבערבייגן דעם באַרג סיני אויף די קעפּ פון די אידן, אַזוי ווי אַ פלעשל (שבת פח.), כדי זיי זאָלן מקבל זיין אויך תורה שבעל פה, ווייל אויף תורה שבכתב האָבן זיי דאָך געזאָגט 'נעשה ונשמע', ווייל אויף דעם דאַרף מען נישט צופיל האָרעווען און זיך פּלאָגן, אָבער תורה שבעל פה, וואו ס'איז דאָ אַסאַך דקדוקי מצוות קלות וחמורות, און ס'איז זייער שווער צו לערנען, נאָר דער וואָס האָט ליב דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן לייב און לעבן, לערנט תורה שבעל פה.

**יעצט**, אין די טעג פון שובבי"ם, איז די צייט ווען יעדער איד באַקומט אַ כח פון הימל צו שטייגן ברוחניות, און צו קענען זיך רייניגן און זיך הייליגן בקדושה של מעלה, דאַרף מען צו אַלעם ערשט, מרבה זיין אין לימוד התורה, ווי דער הייליגער אַפּטער רב זי"ע שרייבט ('אוהב ישראל', סוף פרשת ויחי) 'מי שנוגע יראת

---

לערנען צוויי בלאַט גמרא. און ווען ער האָט אַ גאַר שווערע דאגה וואָס איז כמעט אומדערטרעגליך, זאָל ער לערנען דריי בלאַט גמרא, און דאַן וועט ער זיך קענען שטאַרקן אויף אַלעם.

די ספרים טייטשן די ווערטער פונעם תנא (אבות פ"ו, מ"ו) איינע פון די 48 וועגן ווי אַזוי מ'איז קונה די תורה, איז 'ומתיישב לבו בתורה'. ווי אַזוי ווערט דאָס האַרץ פון מענטש מיושב? איז דער תירוץ: 'בתורה' - ווען מ'לערנט תורה ווי ס'דאַרף צו זיין.

**יז.** אַ חידוש פון אַ וואָרט, שרייבט הרה"ק בעל 'באר מים חיים' זי"ע (פרשתינו, ד"ה 'ואכן'), אַ תירוץ אויף די קשיא וואָס די מפרשים פרעגן, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט אויסגעהיילט די צונג פון משה רבינו ע"ה, זאָגט דער 'באר מים חיים', אַז דער אמת איז, אַז משה האָט געמוזט זיין אַ 'כבד פה', כדי מ'זאָל דערנאָך וויסן די חביבות און זיסקייט פון די תורה, וואָס אויף איר זאָגט דער פסוק (משלי טו, ד) 'מרפא לשון עץ חיים'. ווען משה האָט מקבל געווען די תורה פאַר די אידן, איז זיין צונג אויסגעהיילט געוואָרן, ווי חז"ל זאָגן (דב"ר פ"א, א) אַז משה, איידער ער האָט זוכה געווען צו די תורה, זאָגט דער פסוק (שמות ד, י) 'לא איש דברים אני', אָבער וויבאַלד ער האָט זוכה געווען צו די תורה, איז זיין צונג אויסגעהיילט געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן רעדן ווערטער, ווי דער פסוק זאָגט (דברים א, א) 'אלה הדברים אשר דיבר משה'.

אַזוי שרייבט הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע (שאלות ותשובות 'אבני נזר', חו"מ סי' צב), ווען דו וועסט לערנען ווי מ'דאַרף לערנען, וועסט די תורה אַוודאי ברענגען פאַר דיר אַ גאַנצע רפואה, און עס וועט אַזוי ווי אַ געטראַנק וואָס טוט אויפפרישן דיינע ביינער.

ה' בלבבו צריך להתאמץ בכל יכלתו ולעשות תשובה' - דער וואָס וויל האָבן יראת שמים אין האַרץ, דאַרף זיך שטאַרקן מיט אַלע מעגליכקייטן און טוהן תשובה וכו'. און ספּעציעל אין די טעג פון די שובבי"ם-פּרשיות, וואָס זענען מסוגל צו תשובה.

**שרייבט** דער אַפּטער רב ווייטער: דער עיקר פון תשובה איז דורך לערנען און דאַווענען און געבן צדקה, יעדער איינער לויט זיין מעגליכקייט, ספּעציעל ביים לערנען תורה שבעל פּה. 'ולברר הלכה בליבון ובירור יפה', עיי"ש.

**אַזוי** האָט דער 'חידושי הרי"ם' זי"ע געזאָגט אין נאָמען פון קאָצקער רבי'ן זי"ע, אַז דער הויפּט-תיקון פון די שובבי"ם טעג איז צו לערנען גמרא און תוספות בעיון.

**דער** 'שלטי הגיבורים' שרייבט אין מסכת תענית (שו"ע סי' תקע"א, ס"ב) אַז אַ תלמיד חכם טאָר נישט פאַסטן, ווייל דורך פאַסטן טוט ער פאַרמינערן זיין 'מלאכת שמים'. דאָס הייסט, אַז לימוד התורה איז מכפּר אויף דעם מענטש נאָך מער ווי דער תענית, און וועגן דעם זאָגט מען איהם ער זאָל נישט פאַסטן[יח], כדי ער זאָל נישט פאַרמינערן דעם גרעסערן 'מכפּר', דער לימוד התורה[יט].

**עס** ווערט געברענגט אין ספר 'כתר ראש' (אות קלג) אין נאָמען פון דעם גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל אַז ווען דער מענטש לערנט תורה, דאַרף ער נישט זאָרגן קיין שום דאגות. ער ברענגט, אַז ער האָט געפרעגט זיין רבי'ן, דעם ווילנער גאון זצ"ל, און ער האָט איהם געוויזן אַ מאמר אין תיקוני זוהר און אין

---

**יח.** אַזוי ברענגט דער גאון בעל 'פּרי מגדים' זצ"ל אין ספר 'המגיד' (ח"ג ע' קנה, לימי השובבי"ם) אין נאָמען פונעם של"ה הקדוש, אַ רמז אין דעם פּסוק (שמות ה, יז) וואָס פּרעה האָט געזאָגט: נרפּים אתם נרפּים, על כן אתם אומרים נלכה נזבחה לה'. דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן דברי מוסר אין דעם לשון פון דעם רשע פּרעה: איר זענט פויל זיך צו פּלאָגן אויף די תורה, ווילט איר ענדערש פאַסטן... על כן אתם אומרים נלכה נזבחה לה', מיר וועלן פאַסטן תעניתים, וואָס ווערט גערעכנט אַזוי ווי אַ קרבן דורך דעם וואָס ער פאַרמינערט זיין פעטס און בלוט דורכ'ן פאַסטן. ער שרייבט: 'מוטב יאכל וילמוד'... זאָל ער ענדערש עסן, און לערנען תורה...

**יט.** אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט אַמאָל געזעהן אַ יונגערמאַן פאַסטן אין שובבי"ם, האָט ער איהם געזאָגט: 'וואָס דאַרפסטו זיך פאַרנעמען מיט דעם 'קלענערן תיקון', וואָס איז פאַסטן, דו ביזט דאָך אַ 'בר הכי' צו טוהן דעם 'גרעסערן תיקון' - צו לערנען גמרא תוספות..

דער סטייפּעלער זצ"ל שרייבט ('קריינא דאיגרתא', ח"א, מכתב יז), צו איינעם וואָס האָט זיך מסגף געווען מיט תעניתים: 'איך האָב זיך דערשראָקן... אַז דו פאַסט תעניתים...'. 'שעה אחת של לימוד חביב אצל הקדוש ברוך הוא, יותר מאלף תעניות' - איין שעה פון לימוד התורה, איז באַליבט ביי דעם אויבערשטען, מער ווי טויזנט תעניתים.

אויך שרייבט ער דאָרט, אַז דער מענטש וואָס וויל זיך מסגף זיין פאַר כפּרת עוונות, זאָל ער חזר'ן אַ זאַך וואָס ער קען שוין גוט, ווייל צו אַזאַ לימוד האָט ער דאָך נישט קיין חשק, און ממילא איז דער לימוד לשם שמים ממש, און עס איז אויך אַ סיגוף...

דער גאון בעל 'שדי חמד' זצ"ל שרייבט (כרך ה, כלל נד) אַז אין יאָר תרנ"ט, ווען ער איז געווען אין עיה"ק ירושלים, האָט מען איהם איינגעלאַדן צו אַ פּדיון הבן, אָבער ער איז נישט געגאַנגען. האָט מען איהם געזאָגט, אַז די ספרים שרייבן אַז אַ סעודה פון פּדיון הבן איז אַזוי ווי פאַסטן 84 תעניתים, און איך האָב נישט געוואוסט דערפון... שרייבט ער, ווי עס ווייזט אויס, איז נישט דאָ אַ מקור דערויף, נאָר ס'איז אַ 'שיחה נאה בפי הבריות' (באמת, שטייט שוין אַזוי אין 'ליקוטי אמרי פנחס', שער הקדושה, עיי"ש, און אַזוי שטייט אויך אין ספר 'אילנא דחיי', אין נאָמען פון הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע).

ווען די ספרים פונעם 'שדי חמד' זענען ערשינען אין דרוק, און די אידן פון ירושלים האָבן געזעהן וואָס ער שרייבט אַז דער ענין פון פ"ד תעניתים פאַר אַ סעודת פּדיון הבן, האָט נישט אַ מקור, האָבן זיי זיך זייער געוואונדערט, ווייל עס איז דאָך אַ זאַך וואָס יעדער איינער ווייסט, ספּעציעל אין ירושלים, איז עס געווען אָנגענומען מדור לדור. אַפילו די 'צנועין', פלעגן זיך שטופּן אַביסל צו באַקומען אַפילו אַ 'פּול' (אַזוי גרויס ווי אַן אַרבע) פון די חלה פונעם כהן...

ברענגט דער ספר 'חכמת חיים', אַז דער גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל גאב"ד ירושלים, האָט געטראָפן אַ רמז דערפאַר אין דער תורה (שמות יג, יג) 'וכל בכור אד"ם בבני"ך תפד"ה', די ראשי תיבות פון די דריי ווערטער 'אדם בבניך תפדה', זענען: 'אם ד'בר מ'ה ב'פדיון ב'ן נ'הנית, י'חשב כ'אילו ת'ענית פ'ד ה'תענית...

די ספרי מוסר וואָס זענען זייער שטאַרק מחמיר איבער געוויסע עבירות וואָס זייער תיקון איז נאָר מיתה ח"ו, אָבער ביים סוף פון דעם מאמר אין תיקוני זוהר (תיקון כא-כב) שרייבט ער, אַז די תורה איז 'אורך ימים בימינה' וגו', עס ראַטעוועט דעם מענטש פון טויט, 'ובשמאלה עושר וכבוד', עס ראַטעוועט איהם פון יסורים וואָס זענען אַזוי ווי טויט רח"ל. דער מענטש וואָס לערנט, ווערט געראַטעוועט פון דעם אַלעם, ווייל זיין נפש ווערט גערייניגט מיט די קדושה פון די הייליגע תורה.

**דער** הייליגער ראָפּשיצער רב זי"ע שרייבט (זרע קודש, פ' בא, ופ' ויקרא), עס זענען דאָ פיר תקופות אין אַ יאָר, קעגן די פיר יסודות 'אש, רוח, מים, עפר'. תקופת טבת (אין וועלכן מיר געפינען זיך יעצט) איז אַנטקעגן דעם יסוד פון פייער. וועגן דעם שטאַרקט זיך אין דער יעצטיגער תקופה די תאווה פונעם יצר, און עס ברענט ווי אַ פלאַם פייער אין האַרץ פון דעם מענטש, ביז עס טוט איהם כמעט אַריינוואַרפן אין עבירות רח"ל, וועגן דעם האָבן מיר באַקומען אַ מתנה פון הימל, די טעג פון שובבי"ם, וואָס האָבן אַ גרויסן כח צו קעמפן דעמאָלס קעגן דעם יצר הרע, און איהם אָפּשטויסן פון אונז, ער זאָל אונז נישט קענען צורעדן צו עבירות חלילה.

**די** איינציגע עצה בייצוקומען דעם יצר, איז דורך לערנען תורה מיט התמדה, ווייל די תורה איז בכח - ספּעציעל אין די יעצטיגע טעג - איינצושטילן דעם שטן און זאָגן פאַר דעם מלאך המשחית ער זאָל שוין לאָזן דעם מענטש צורו.

**אַזוי** שרייבט דער ראָפּשיצער רב זי"ע, אויך אין אַן אַנדער אָרט (זרע קודש, פ' תרומה, ד"ה 'ועשו ארון עצי שטים') מער באריכות, בזה הלשון: דער עיקר פון תשובה איז לימוד התורה, ווי חז"ל זאָגן, אַז אויב דער מענטש וואָס האָט געזינדיגט, איז געווען געוואוינט צו לערנען איין בלאַט גמרא, זאָל ער פון יעצט אָן לערנען צוויי בלאַט.

**נאָך** מער שרייבט ער: דער עיקר חסידות איז צו לערנען די הייליגע תורה מיט התמדה, ווייל חז"ל זאָגן 'איזהו חסיד המתחסד עם קונו', דאָס הייסט, אורייתא וקודשא בריך הוא חד, און די תורה ווערט אָנגערופן 'תורת חסד' (משלי לא, כו), און וועגן דעם אויבערשטען, זאָגט דער פסוק (תהלים נב, יג) 'חסד א-ל כל היום'. דעריבער, אויב דו ווילסט אויך זיין אַ חסיד, 'תתחסד עם קונך', זאָלסטו טוהן 'חסד' מיט דיין באַשעפער, זאָלסט זיך אָנקלעבן אין דעם אויבערשטען און אין זיין תורה וואָס זיי זענען חסד, וועסטו אויך גערופן ווערן מיט'ן נאָמען 'חסיד', עכל"ק.

**אַזוי** שטייט אויך אין תנא דבי אליהו (רבא, פי"ח): דער כח פון תורה איז אַזוי גרויס, אַזש אַז עס רייניגט די פושעי ישראל ווען זיי טוהען תשובה, אַפילו פון דעם חטא פון עבודה זרה, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לו, כה) 'וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל טומאותיכם ומכל גילוליכם' וגו', און חז"ל זאָגן (תענית ז.) 'אין מים אלא תורה', ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נה, א) 'הוי כל צמא לכו למים', און צו טהרה איז מען זוכה, נאָר דורך לימוד התורה[ב].

---

רבי יוסף חיים האָט אָבער צוגעגעבן, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ זאַך וואָס אויב מ'טוט עס, ווערט עס גערעכנט גלייך ווי מ'וואָלט געפאַסט 84 תעניתים, און עס ווערט גערעכנט פאַר אַ גרויסן 'תיקון'. דאָס איז אַ 'דף' גמרא, און דער וואָס לערנט אַ בלאַט גמרא, ווערט עס איהם גערעכנט גלייך אַזוי ווי ער וואָלט געפאַסט 84 תעניתים, ווייל דאָס וואָרט 'דף' באַטרעפט 84. נאָר אויף דעם זענען דאָ וויייניגער מענטשן וואס טאנצן ארויף דערצו ווי אויפ'ן געניסן פון אַ סעודת פדיון הבן...

**ב.** מיר האָבן שוין דערציילט, אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע פלעגט אייביג אָנזאָגן זיינע חסידים, צו לערנען אַסאַך בלעטער גמרא-תוספות.

איך געדענק אַז אַמאָל איז אַריינגעקומען אַ בר-מצוה בחור שבת נאָך מנחה, כדי צו באַקומען אַ ברכה פון רבי'ן. דער רבי האָט דעמאָלס געהאַלטן אינמיטן זאָגן תהלים (כדרכו בקודש), האָט ער איהם געזאָגט אויף לשון הקודש:

איך וועל דיר געבן אַ 'הדרכה' פאַר אַ בר מצוה. דו גייסט באַקומען אַ גאַסט, דעם יצר טוב, וואָס ער איז אַ מלאך, איז כדאי דו זאָלסט מקיים זיין ביי איהם די מצוה פון 'הכנסת אורחים'. די בעסטע הכנסת אורחים איז ווען מ'גיט פאַר דעם גאַסט דאָס וואָס ער האָט דאס מערסטע ליב, און נישט וואָס דער בעל הבית האָט ליב. וועגן דעם זאָג איך דיר, וויסן זאָלסטו, אַז דיין 'גאַסט', דער יצר טוב, האָט ליב איין זאַך, דעם לימוד פון גמרא... זעה איהם מהנה צו זיין מיט לערנען אַסאַך בלעטער גמרא.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'יסוד העבודה' (ח"ג פ"ה ח) חז"ל זאָגן, אַז די תורה איז מכפּר, און עס שיצט דעם מענטש און ראַטעוועט איהם, און אויף אַ תלמיד חכם האָט דער פייער פון גיהנום נישט קיין שליטה. באזונדער איז גאר גרויס, דער מענטש וואָס איז זוכה צו מאַכן אַ קביעות צו לערנען פינף שעה אָן אַ הפסק, נישט אויסצורעדן מיט אַנדערע זאַכן[כא]! דאָס אַ וואונדערבאַרע זאַך, וואָס העלפט און רייניגט און איז מכפּר, און עס ברענגט דעם מענטש צו תשובה און צו אַ גוטע כפּרה, עכ"ל.

**דער** רמח"ל זצ"ל שרייבט אין זיין בריוו ('אגרות רמח"ל', אגרת פ"ו) אַז דער מענטש דאַרף לערנען אַזוי ווי ער דאַווענט תפילת שמונה עשרה. פּונקט אַזוי ווי ביי שמונה עשרה טאָר מען נישט מפסיק זיין, אַפילו אויב אַ שלאַנג איז אַרומגעבונדן אויף זיין פוס (ברכות ה.) אַזוי דאַרף ער זיך פירן בשעת'ן לערנען.

**וועגן** די גרויסקייט פון לימוד התורה[כב], זאָגט די גמרא (ע"ז יט.) אַז דער מענטש וואָס לערנט תורה, טוט דער אויבערשטער ערפילן זיינע באַגערן. זאָגט דער מהרש"א, אַז דער מענטש וואָס לערנט תורה, וועט מצליח זיין אין אַלע זיינע ענינים[כג], אפילו אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן טוהן השתדלות דערפאַר. ס'איז גענוג פאַר איהם צו ווילן האָבן אַ געוויסע זאַך, און דער אויבערשטער וועט עס איהם געבן.

---

פאַר יעדן ענין, ברוחניות ובגשמיות, פלעגט אא"ז זצ"ל געבן איין עצה: מ'זאָל לערנען אַסאַך גמרא.

איך האָב אַמאָל געהערט ווי ער זאָגט פאַר אַ בחור פון דער סלאָבאָדקער ישיבה אין בני ברק, ווען יענער האָט איהם געבעטן אַ סגולה פאַר יראת שמים, האָט ער געענטפערט אויפ'ן אָרט: זאָלסט אַריינלייגן דיינע אויגן אין די אותיות פון די גמרא, און דאַן וועסטו זוכה זיין צו היטן דיינע אויגן פון זעהן שלעכטס.

**כא.** אַ 'דבר השוה לכל נפש' (ווייל נישט יעדער איינער קען לערנען פינף שעה רצופים...), איז צו לערנען כאָטש אַ האַלבע שעה ברציפות, אָן אַ הפסק ('וכל המוסיף מוסיפין לו'...). און עצה טובה קא משמע לן, פאַר חשוב'ע יונגעלייט אין כולל, און פאַר בחורים אין די ישיבות, אַז די האַלבע שעה לימוד ברציפות זאָל זיין ביים אָנהייב פונעם סדר הלימוד, און עס איז איבעריג צו זאָגן, אַז אויף דעם אופן, וועט דער 'סדר' זיין אויסזעהן אַנדערש...

**כב.** דער הייליגער רבי ר' רבי שמעלקא זי"ע פון ניקלשבורג, שרייבט (אין די 'הנהגות', ספר 'דברי שמואל'), בזה הלשון:

דער מענטש זאָל כסדר זאָגן אינמיטן לערנען, 'המאור שבה יחזירנו למוטב'. די לעכטיגקייט פון די תורה וועט איהם צוריקברענגען צום גוטן. און יעדעס מאָל וואָס דער יצר רעדט איהם איבער צו ענדיגן און מקצר זיין דאָס לערנען, ווייל ער איז מיד אָדער ווייל עס פעלט איהם פאַרשטאַנד אין די גמרא, אָדער ווייל קינדער שמועסן דאָרט, זאָל ער אָנשרייען דעם יצר הרע, און ער זאָל זיך זייער שטאַרקן איבער איהם, ער זאָל צוברעכן זיין נאַטור און ער זאָל לערנען מער ווי זיין געוואוינהייט, און מיט כח, ביז ער וועט ווערן אויסגעמאַטערט, און מיט דעם צעברעכט ער די קליפּות און די חיצונים, און מ'איז איהם מוחל אַפילו עבירות וואָס מ'איז מחויב דערויף כרת אָדער מיתות בית דין און מיתה בידי שמים, ווייל דאָס לערנען תנ"ך, משנה, גמרא און פוסקים, מיט אַ כח און מיט אַ זיסן קול אָן אַ פרעמדע מחשבה, און מיט שאָקלען דעם גוף, רייניגט און לייטערט די נשמה און עס שאַרפט אויס דעם שכל און צעברעכט אינגאַנצן די קליפּות און די חיצונים.

**כג.** אַ חסיד האָט אַמאָל געבעבן פאַר הרה"ק רבי יוחנן'טשע ראַחמיסטריווקער זי"ע, אַ 'קוויטל', וואו ער האָט זיך מזכיר געווען פאַר 'ברכה והצלחה בכל הענינים'. האָט דער ראַחמיסטריווקער איהם געזאָגט:

- דוד המלך ע"ה איז געווען דער גרעסטער 'רבי', און ער האָט געזאָגט (תהלים א, ב-ג) 'כי אם בתורת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה וגו', וכל אשר יעשה יצליח'. דער מענטש וואָס וויל זוכה זיין צו ברכה און הצלחה, איז די בעסטע עצה פאַר איהם, צו לערנען תורה, 'כי אם בתורת ה' חפצו', ווייל די תורה איז דער מקור הברכה.

הגה"צ רבי אלחנן היילפּערין זצ"ל ברענגט (אין זיין ספר 'אמרי חן', פ' בא), אַז ער האָט געהערט אַ שיינעם רמז (פון הגאון רבי סענדר פריינד פון ירושלים, אין נאָמען פון זיין זיידן, הגאון רבי חיים אורי זצ"ל פון רישא), אויפ'ן פּסוק ביים סוף פון דער היינטיגער פּרשה (ט, לב) 'והחטה והכוסמת לא נוכו כי אפילות הנה'. 'חטה' באַטרעפט די צאָל 22, די צאָל אותיות פון אלף-בית. דאָס איז אַ רמז אויף תורה שבכתב, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט 22 אותיות. 'כסמת' איז מרמז אויף תורה שבעל פּה, ווייל עס האָט די זעלבע אותיות ווי 'מסכת'. און אויף דעם זאָגט דער פּסוק 'לא נוכו', די אידן וואָס לערנען תורה שבכתב און תורה שבעל פּה, וועלן אָפּגעהיטן ווערן פון יעדע 'הכאה' און צרה, און נישט

**דער** באַשעפער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ ריבוי פון שפע, שמירה און ברכה פון הימל[כד], ותגלה ותראה מלכותו עלינו בזמן קרוב, אמן.

---

נאָר דאָס, נאָר 'כי אפילות הנה', זיי וועלן זוכה זיין צו וואונדער ('פליאות', וואָס האָט די זעלבע אותיות ווי 'אפילות'), ווי דער מדרש זאָגט (תנחומא, טז) 'פלאי פלאות נעשו להם', אַז דער אויבערשטער וועט טוהן מיט זיין וואונדער כהנה וכהנה.

**כד.** די בעלי הרמז זאָגן אַ רמז אויף דעם נאָמען פונעם חודש וואָס מיר שטייען ביי זיין טיר, שבט', איז ראשי תיבות ש'מרם ב'רכם ט'הרם. אויך איז עס ראשי תיבות ש'נתבשר ב'שורות ט'ובות, און ש'לום ב'רכה 'טובה.

אויך האָט דער צאַנזער רב הרה"ק בעל 'דברי חיים' זי"ע געזאָגט בדרך מליצה, אַ רמז אין דעם פסוק (תהלים קה, לז) 'ואין בשבטיו כושל', שבטי"ו איז פון לשון 'שבט', דער חודש איז מסוגל אַז עס זאָל נישט פאַסירן קיין שום מכשול חלילה...